# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Vegn Yidn Un Yidishkayt -Yidish Fun Zev Sales (About Jews and Jewishness (Yiddish by Zev Sales))

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/91x8w0p1

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

### Author

Aynshtayn (Einstein), Albert (Albert)

### Publication Date

1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# איינשטיין וועגן יידן און יידישקייט *)

## וועגן זין פון לעבן

וואס פאר א זין האט אונדזער לעבן? וואס פאר א זין האט דאס לעבן פון די באשעפענישן בכלל?

כדי צו וויסן אן ענטפער אויף אט דער פראגע, מוז מען זיין רעליגיעז. טאמער וועסטו פרעגן: האט עס בכלל א זין צו שטעלן אזא מין פראגע? וועל איך ענט־פערן: ווער עס זעט נישט קיין שום זין אין זיין אייגן לעבן און נישט אינעם לעבן פון מענטשן אחוץ אים, איז נישט בלויז אומגליקלעך, נייערט ס'איז א גרויסער ספק צי ער איז בכלל ווערט צו לעבן.

## יידישע אידעאלן

תורה און חכמה לשמן (צוליב זיי אליין) די ליבע פארגערעכטיקייט, וואס דער־גרייכט די מדרגה פון פאנאטיזם און די שטרעבונג צו פערזענלעכער זעלבסט־שטענדיקייט — זיי זיינען טראדיציאנעלע אייגנשאפטן פונעם יידישן פאלק. צוליב זיי באטראכט איך מיין צוגעהעריקייט צו דעם דאזיקן פאלק ווי א געטלעכע מתנה. די וואס באקעמפן מיט א געוואלדיקן גרימ־צארן די אידעאלן פונעם מענטשלעכן אינ־טעלעקט און פון אינדיווידועלע פרייהייט, און זוכן מיט ברוטאלע צוואנגס־מיטלען ארויפצווארפן אויף דער מענטשהייט אן אידיאטישע פארקנעכטונג צום „שטאט" (שאוויניסטישע באציונג צום אייגן פאלק און לאנד), זעען אין אונדז מיט רעכט זייערע אייביקע שונאים. אונדזער גע־שיכטע האט אויף אונדז ארויפגעלייגט א „הייליקע מלחמה" (מלחמת מצוה), גאר א שווערע; אבער כל זמן מיר וועלן זיך האלטן פעסט אין אונדזער אמונה צום אמת, צו גערעכטיקייט און מענטשלעכער פרייהייט, וועלן מיר נישט בלויז ווייטער לעבן אלס איינע פון די עלטסטע אומות, נייערט, ווי מיר האבן געטאן ביז אצינד, מיט פרודוקטיקער ארבעט וועלן מיר נאך מער שאפן ווערטן, וואס וועלן ברענגען א דערהויבונג דעם מענטשלעכן גייסט.

## וועגן דער יידישער אמונה

די יידישע אמונה איז נישט א טראנס־צענדענטאלע (איבערשכלדיקע) רעליגיע. זי אינטערעסירט זיך בלויז מיטן רעאלן לעבן, וואס מיר באנעמען אין א געוויסן זין, און נאר מיטן לעבן אליין. דערפאר בין איך מסופק צי דער נאמען „רעליגיע" אינעם געוויינטלעכן זין פאסט פאר דער יידישער אמונה. בפרט פאדערט די יידי־שע אמונה נאר א הייליקונג פון לעבן אויף אן איבערמענטשלעכן שטייגער. אבער אין דער יידישער טראדיציע איז פאראן נאך איין זאך וואס אנטפלעקט זיך אין דער גאנצער פראכט אין געוויסע מזמורים פון תהילים, און דאס איז: א מין פאר־שיכורטקייט פון פרייד און התפעלות פאר דער שיינקייט און דערהויבנקייט פון אונדזער וועלט, וואס נאר א פאנטאס־טישער שאטן פון זיי קען דערגרייכט ווערן צום מענטשלעכן באוווסטזיין. דאס איז דאס געפיל פון וועלכן די אמתע חקירה זייגט איר גייסטיקע קראפט, און ס'דאכט זיך אונדז אויס, אז זי, די טראדיציע, גיט אונדז א קאנצערט פון פייגל־געזאנגען.

די פארבינדונג מיטן גאט־געדאנק באַ־ווייזט זיך דא ווי קינדישע נאיוויטעט. צי איז דאס געזאגטע כאראקטעריסטיש פאר דער יידישער אמונה? עקזיסטירט דאס אויך אויף אן אנדער פלאץ מיטן אן אנדערן נאמען? אין א געלייטערטער גע־שטאלט עקזיסטירט עס אין ערגעץ נישט, אפילו נישט אין דער יידישער אמונה, צוליב דעם אותיות־קולט וואס ווארפט אן א פינצטערניש אויף דער ליכטיקייט פון

---

*) ביים אנהייב פון היינטיקס יאר האט די וועלט געפייערט דעם הונדערטסטן געבוירן־יאר פון דעם גרויסן מענטש און וויסנשאפטלער אלבערט איינשטיין (1955 — 1879). מיר דרוקן דא איבער עטלעכע פון זיינע געדאנקען וועגן יידן און יידיש־קייט.

יידיש: זאב וואלף סאלעס

אברהם גאָלאָמב

# אינטעגראַלע יידישקייט

בכלל גענומען וואָלט מען געדאַרפט מודה זיין, אַז מיר—דאָס יידישע פאָלק — זיינען שוין מער ניט קיין גאַנץ פאָלק אין נאָרמאַלן, געוויינטלעכן זינען. מיר זיינען צעפאַלן און צעבראָקלט, צעשפאָלטן און צעשאָטן אויף אָן אַ שיעור ריכטונגען און גרופּעס, פּאַרטייען און סובפּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס און גלויבנס, שיטות און כיתות, און אַלע באַמיען זיך אונטערצושטרייכן אַז „מיר זיינען אַנדערש". מיר לעבן אין אַלערליי לענדער, צווישן אַלערליי פעלקער. און אַלעמען מאַכן מיר נאָך, און צו אַלעמען ווילן מיר זיך צוגלייכן, און אַלעמענס שפּראַכן נעמען מיר איבער, און אַלעמענס מנהגים נעמען מיר איבער. קענען מיר שוין ניט זיין איינהייטלעך, עפּעס איינס, עפּעס גאַנצעס. און בפרט, אַז מיר האַלטן אין איין באַמיען זיך צו שפּאַלטן און מיר וואַרפן כסדר אָפּ דאָס וואָס אַנדערע יידן האַלטן פאַר הייליק און טייער. קומט אויס אַז מיר זיינען אַלע נאָר טיילווייזע יידן. מיר שטאַמען טאַקע אַלע פון איין פאָלק, אָבער אַליין זיינען מיר איצט נאָר שטיקלעך יידן. מיר דער תורה. אָבער פון דעסטוועגן זע איך אין דער יידישער אמונה איינעם פון די באַזונדערס לויטערע און וויטאַלע פּראַקטישע אויפטועז. ספּעציעל באַציט זיך דאָס צום פּרינציפּ וועגן דער הייליקייט פון לעבן.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין דער מצוה פון הייליקן דעם שבת זיינען בפירוש אויך אַריינגענומען געוואָרן לעבעדיקע באַשעפענישן. אין דער מצוה פילט מען ווי אַן אידעאַלע א י י נ י ק י י ט פאַר דער אַחדות פון אַלץ וואָס לעבט. נאָך וויכטיקער איז, וואָס מיט געוואַלטיקער קראַפט קומט צום אויסדרוק די פאָדערונג פאַר דער אַחדות פונעם מענטשלעכן מין, און ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען שטאַמען מיינסטנס פון יידן.

ווי טיף און וויטאַל דאָס געפיל פאַר דער הייליקייט פון לעבן איז ביים יידישן פאָלק, קען זייער גוט אילוסטרירט ווערן מיט איין קורצן זאָג, וואָס כ'האָב אַמאָל געהערט פון וואָלטער ראַטענוי אין אַ שמועס מיט אים: „יעדער ייד וואָס זאָגט אַז ער גייט אויף חיות־געיעג פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן, איז אַ ליגנער". ס'איז נישט מעגלעך צו געבן אַ פשוטערן אויסדרוק פאַרן געפיל פון הייליקייט פון לעבן וואָס ס'געפינט זיך און הערשט ביים יידישן פאָלק.

## אַ היילונג פאַרן יידנטום

גרויס איז דער דרויסנדיקער דרוק, וואָס באַדרענגט דאָס יידישע פאָלק. אָבער דווקא פון אָט דער באַדרענגעניש האָט זיך פאַר אונדז געעפנט די ישועה. דאָס לעבן פונעם יידישן כלל האָט זיך באַנייט אין אַ מאָס, וואָס האָט אויסגעזען אין אַ דור פריער אַבסאָלוט אוממעגלעך. אונטער דער השפעה פונעם יידישן אַ ח ד ו ת־געפיל, וואָס האָט אויפגעוואַכט צו אַ נייעם לעבן, און אַ דאַנק דער הצלחה פונעם ישוב אינעם אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל, וואָס איבערגעגעבענע און פאַרשטענדיקע פאָלקס־פירער האָבן געגרינדעט אונטער שוועריקייטן, וועלכע קיין מענטשלעכע קראַפט איז נישט ביכולת גובר צו זיין אויף אַ נאָרמאַלן אופן — און דאָס אויפבוי־ווערק איז געלונגען און געבראַנגט שיינע רעזולטאַטן — איז נישטאָ קיין שום ספק וועגן זיין ענדגילטיקער הצלחה. דער דאָזיקער געלונגענער אויפטו גיט גרויס כבוד דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

ארץ־ישראל וועט זיין אַן אָרט פון לעבן און קולטור פאַר אַלע יידן, אַן אָרט פאַר די אַקטיוויטעטן פון אונדזערע גרויסע טאַלאַנטן, אַ רעטונג־פּלאַץ פאַר געיאָגטע און געפּלאָגטע, און אַן אידעאַלער פאַרבינדונגס־קנופּ אויך פאַר דער נפשדיקער היילונג פון אַלע יידן אין די לענדער פון דער וועלט.